# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:56
מוצאי יו"ט.....................9:29

**שיעורים כסדרן (א' שבועות)**
נ"ך........דברי הימים-ב' כ"ה-כ"ו
בבלי.............................גיטין י'
ירושלמי............שביעית י"א
תוספתא................בכורות ב'
רמב"ם...........תלמוד תורה ה'

יום טוב שבועות, אבות פרק א', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 35 (605)


# אַ וָוארְט אוֹיף יוֹם טוֹב

וָואס אִיז דֶער עִנְיָן אַז מֶען לֵייגְט שָׁבוּעוֹת בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אַרוּם דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי בִּימָה וואוּ מֶען לֵיינְט דִי תּוֹרָה?

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיא): "**אֶחָד שָׁאַל אוֹתוֹ בְּעִנְיַן הַנְהָגַת הִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**", אַ אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ וֶועג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "**וְצִוָּה לוֹ לִלְמֹד**", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, "**וְשָׁאַל אוֹתוֹ: הֲלֹא אֵינִי יָכוֹל לִלְמֹד**", הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה אוֹיף דִי עֵצָה, "**הֵשִׁיב לוֹ: עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל**", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס, "**לְכָל טוֹב**", צוּ אַלֶע גוּטְס, "**לְתוֹרָה**", צוּ תּוֹרָה, "**וַעֲבוֹדָה**", צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת**", צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגוֹת, "**וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת**", צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת, "**וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת**", אוּן צוּ אַלֶע גוּטְס פוּן דִי הֶעכְסְטֶע וֶועלְטְן.

רוֹב מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב, סְפֶּעצִיעֶל יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אִיז זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער מְקַבֵּל גוּטֶע קַבָּלוֹת, מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר זִיךְ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב אוּן מֶען גֵייט צוּרִיק צוּם גֶעוֶוענְלִיכְן סֵדֶר פַאלְט מֶען צוּרִיק צוּם אַלְטְן, אַלֶעס בְּלַייבְּט וִוי בֶּעפָאר, דֶערְפַאר לֵייגְט מֶען בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אַרוּם דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי בִּימָה וואוּ מֶען לֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה, כְּדֵי צוּ וַוייזְן דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת, אוּן מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, דַארְף מֶען גֵיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, מֶען דַארְף גֵיין אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "צְווִישְׁן דִי גְרָאז אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; מַאכְט מֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַ פְלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי פֶעלְד אִין שׁוּל, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל רֶעדְן אִין שׁוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּנְטֶערְ'ן טַלִּית זָאל מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

דָא אִין שְׁטֶעטְל 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב' אִיז גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פֶעלְד, אַלֶע הַייזֶער זֶענֶען אִינְמִיטְן פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער, וִוי נָאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אִיז מֶען שׁוֹין אִין פֶעלְד, מֶען קֶען זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין. אָבֶּער סַיי וואוּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ נָאר קֶען עֶר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז מֶען וֶועט טְרֶעפְן אַ פֶעלְד צוּ קֶענֶען דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּ מֶען אִיז נָאר זָאל מֶען עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר פְלֶעגְט זֵיי דֶערְצֵיילְן צוּ וָואס עֶר הָאט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען; דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן פוּן זִיךְ, פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אִים וֶועלְן נָאכְמַאכְן. דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט הֶערְן צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין, וֶועלְן אַלֶע פְּרוּבִּירְן אִים נָאכְצוּמַאכְן. וֶוען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פַארְצֵיילְן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ', אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "אִיר זֶענְט צוּ גֶעקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וַוייל אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקֶל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקֶל פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן נָאךְ צַדִּיקִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת", שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כו): "יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, אָדֶער מִצַּד יִחוּס, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין, אוּן גֶעזָאגְט: 'אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען, נִישְׁט ווַייל אִיךְ שְׁטַאם פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, אוּן נִישְׁט וַוייל מַיין נְשָׁמָה וְכוּ', נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם'". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד; וְעוֹד): "אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ מַיין דַרְגָּה דוּרְךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה".

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, ב' דְּשָׁבוּעוֹת תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין זוֹכֶה אַרַיין צוּ גֵיין אִינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה; דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף מֶען פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען דַארְף זִיךְ גֶענְצְלִיךְ בַּאנֵייעֶן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

### מִילְכִיגְס

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַ שֵׁיינֶע טַעַם פַארְוָואס מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה", וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן פוּן דָאסְנֵיי,
<<<<<<

# אַ גוּט וָוארְט

אִיר וֵוייסְט אַוַדַאי דֶעם סִיפּוּר וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נָתָן, אַמָאל יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְּתִיחַת הָאָרוֹן אוּן וֶוען עֶר הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ הָאט עֶר זִיךְ מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" - הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן, אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען טַאנְצְן מִיט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דָאס אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִישׁ, אַלְץ אִיז גֶעוֶוען נֵיי; אַ נֵייעֶ יוֹם טוֹב, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ טָאג.

אַז מֶען גֵייט צוּ צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מִיט אַזַא הֲכָנָה אִיז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ; מֶען גְרֵייט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי, לג): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ו): אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם - "לֹא יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כִּיְשָׁנָה, אֶלָּא כַּחֲדָשָׁה שֶׁהַכֹּל רָצִין לִקְרָאתָהּ", וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף דָאס זַיין מִיט אַ הִתְחַדְּשׁוּת; אַ נֵייעֶ תּוֹרָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשי"פ)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, ל"ח לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

כָּל זְמַן דוּ קוּמְסְט פַאר מֶענְטְשְׁן גֶעלְט, דוּ הָאסְט חוֹבוֹת; חוֹבוֹת מֵיינְט מֶען 'שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם זְמַן הַפֵּרָעוֹן' - קֶענְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, דַארְפְסְט טוּן אַלֶעס זֵיי צוּ בַּאצָאלְן. אַז דוּ קוּמְסְט גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן - זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אֲפִילוּ אִין צַייטְן וָואס אִיז דִיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן צָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת, וֶועסְט נִישְׁט קוּמֶען פַאר מֶענְטְשְׁן קַיין גֶעלְט - דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ קוּקְן אוֹיף בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן חוֹבוֹת, אָךְ אוּן וֵוויי וֶוער עֶס אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן; מֶען אִיז אַ קְנֶעכְט, דֶער מֹחַ אִיז פַארְקְנֶעכְטֶעט, מֶען אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, אוּן וִוי גוּט אוּן וִוי זִיס אִיז וֶוען מֶען קוּמְט נִישְׁט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ רוּאִיגֶע מֹחַ.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - זָאלְסְטוּ אָפְּשְׁטֶעלְן דִי זַאךְ פוּן בָּארְגְן, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן גֶעלְט. אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זֵייעֶר וִויכְטִיג גֶעלְט אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ צַאמְעֶנְמֶען צְדָקָה; אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - קֶען מֶען צַאמְעֶנְמֶען גֶעלְט; אָבֶּער גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן. אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מֶער נִישְׁט צוּזָאגְן קַיין גֶעלְט - אֲפִילוּ פַאר צְדָקָה. אַז דוּ הָאסְט גֶעלְט - זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אָבֶּער דָאס זִיךְ מְחַייֵב זַיין אוּן נוּצְן קְרֶעדִיט קַארְדְס - אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל דָאס וֶועט דִיר אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין חוֹבוֹת - וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו); אִיךְ רֶעד אֲפִילוּ פוּן זַאכְן וָואס מֶען בֶּעט דִיר פוּן אוּנְזֶער קְהִילָּה - זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן בָּארְגְן גֶעלְט, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִיר בְּשֵׁם מַיין נָאמֶען - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּקוֹיפְן; נָאר וָואס דוּ זֶעסְט אִין דִי בְּרִיוו - דָאס זָאג אִיךְ, וָואס דֶער זָאגְט דִיר אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט דִיר בְּשֵׁם מִיר - נֶעם אִיךְ נִישְׁט קַיין אַחְרַיוּת. קוּק דִי בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן בָּארְגְן, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן, פוּן יֶעצְט גֵיי אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דֶעקְן דַיינֶע הוֹצָאוֹת אִיז כְּדַאי זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, אֶפְשָׁר גֶעבְּסְטוּ אוֹיס גֶעלְט פַאר נַארִישְׁקֵייטְן? אִיךְ זֶע אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז דָא גֶעצֵיילְטֶע בָּחוּרִים וָואס לֶעבְּן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע הֶפְקֵירוּת, מִיט אַ פְרֶעכְקֵייט; זֵיי קוֹיפְן זִיךְ עֶסְן, פְּרִישְׁטָאג, מִיטָאג וְכַדוֹמֶה - פַאר טֵייעֶר גֶעלְט. זֵיי קֶענֶען עֶסְן אִין יְשִׁיבָה בְּחִינָם, דָאךְ לֶעבְּן זֵיי הֶפְקֵר, זֵיי קוֹיפְן זִיךְ טֵייעֶרֶע מָאלְצַייטְן. אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי אַסַאךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען לֶעבְּן אַזַא הֶפְקֵר לֶעבְּן; עֶס קוּמְט אוֹיס אַז מֶען רֶעכְנְט צַאם אַלֶע סְעוּדוֹת צוּ הוּנְדֶערְטֶער דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, אָן קַיין גוּזְמָא, דָאס אִיז הֶפְקֵירוּת. אַזוֹי אוֹיךְ זָאג אִיךְ זֵיי, קֶענְסְט טְרִינְקֶען וַואסֶער אִין יְשִׁיבָה בְּחִינָם, אַנְשְׁטָאט דֶעם גֶעבְּן זֵיי אוֹיס גֶעלְט פַאר סָאדֶע, בִּיז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין חוֹבוֹת.

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אֶפְשָׁר לֶעבְּסְטוּ הֶפְקֵירוּת'דִיג? אִיךְ זָאג נִישְׁט דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אַ קַארְגֶער, אַ קַמְצָן; מֶען רֶעדְט פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט, לֶעבְּן אוּמְאוֹיסְגֶערֶעכְנְט. אוּן אַז דוּ לֶעבְּסְט יָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אוּן דָאךְ קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דֶעקְן - זָאלְסְטוּ גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער נָאךְ צְדָקָה. קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט וִויסְן וואוּ דוּ גֵייסְט, דַארְפְסְט נִישְׁט קֵיינֶעם דֶערְצֵיילְן. גֵיי פַארְנַאכְטְס פַאר אַ שָׁעָה, אוּן בַּיים גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן גֶעבּ אַבִּיסְל פַאר צְדָקָה אוּן אַבִּיסְל פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין חוֹבוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִצְלַן, דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אָרֶעם. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפֵרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס אִיז וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט - וֶועט עֶר זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפֵירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלַן - פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָּל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן. אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי עֲבֵירָה אִיז נָאר דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ פַאל אַרָאפּ, אִיךְ זִינְדִיג, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין; הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן".

לֵיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו אַפָּאר מָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט טַאקֶע אָפְּמַאכְן 'גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי חוֹבוֹת'.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר - וַיֵּרָא תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ; דֶערִיבֶּער וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס, כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען וִוי נֵיי גֶעבּוֹירְן; אַ קְלֵיין קִינְד עֶסְט דָאךְ נָאר מִילְךְ, דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס צוּ וַוייזְן אַז מִיר זֶענֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, מִיר הֵייבְּן אָן פוּן דָאסְנֵיי זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: מֶען זֶעט אַז דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְן אוֹת 'ב' וָואס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

## פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: פַארְוָואס עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת? וַוייל יֶעדֶע עֶסְן וָואס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט נִיצְן, מֶען וַוארְפְט דָאס אַוֶועק, חוּץ מִילְךְ; וָואס אֲפִילוּ אַז עֶס וֶוערְט פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען דָאס נָאךְ נוּצְן, מֶען קֶען מַאכְן דֶערְפוּן קֶעז; דֶערְפַאר עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת, וַוייל מֶען וִויל וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ: אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיסְט פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן, דָאךְ קֶענְסְטוּ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק, אַזוֹי וִוי פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ וָואס מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק נָאר מֶען מַאכְט דֶערְפוּן פֵיינֶע קֶעז.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יִאוּשׁ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!", זָאגְט ר' נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנג): דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן בְּקוֹל גָּדוֹל: "גִּיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען"; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי יִאוּשׁ, נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל נָאר אֵיין זַאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ: "גֶעבּ זִיךְ אוּנְטֶער!" עֶר וִויל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּיי זִיךְ אָפְּמַאכְן אֵיין מָאל פַאר אַלֶעמָאל אוּן זָאגְן: "אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן!" יֶעדֶעס מָאל עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת אִיז זַיין כַּוָּונָה נָאר מַחְלִישׁ דַעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ פְּרָאבִּירְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ; דָאס וַוייזְט אוּנְז דֶער מִנְהָג פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס: "פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען קֶעז", דָאס הֵייסְט: "פוּן אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר: "שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הֵייבּ זִיךְ אוֹיף!" אוּן זֵיי נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט בַּיי דִיר. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן דֶעם מַאֲמַר חַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה - דָאס הֵייסְט, עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: רֶעכְן אִיךְ כְּאִילּוּ

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרַא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶערְפַאר, יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶערְךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעכֶענֶען כְּאִילוּ דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

### דְרֵיי עֶקִיגֶע קְרֶעפְּלֶעךְ

קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער נִישְׁט; דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא צִי נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען. עֶס אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ שָׁבוּעוֹת, עֶס אִיז גֶעמַאכְט מִיט דְרֵיי עֶקְן; דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע שִׁיךְ, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַ שׁוּךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ שׁוּךְ, דָאךְ פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דֶעם דְרֵיי עֶקִיגְן שׁוּךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, וִוי זִיס אִיז מַיין שִׁיךְ, וִוי הָאנִיגְדִיג אִיז מַיין שִׁיךְ, וָואסְפַּארַא צוּקֶערְדִיגֶע שִׁיךְ, אַ וואוֹילֶע שִׁיךְ", זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַזוֹי, פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס אַסַאךְ מֶער גֶעלְט וִוי דוּ נֶעמְסְט פַאר דַיין שִׁיךְ?" פְלֶעגְט דֶער תָּם אִיר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, לָאמִיר זֶען וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין מִיַּד לְיַד".

דֶערִיבֶּער עֶסְן מִיר שָׁבוּעוֹת דְרֵיי עֶקִיגֶע קְרֶעפְּלֶעךְ, צוּ גֶעדֶענְקֶען, אַז אֲפִילוּ אוּנְזֶער דַאוֶונֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאל מֶען זִיךְ מְחַיֶה' זַיין מִיט דֶעם, אוּן אַז דָאס לֶערְנֶען הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן זָאלְן מִיר זָאגְן דִי אַלֶע לְשׁוֹנוֹת וָואס דֶער תָּם הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעזִינְגֶען צוּ זַיין שִׁיכֶעלֶע; וַוייל דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן: "אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁלֵימוּת".

### תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ אוֹיף בְּלַייבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט; עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַקְדָּמָה ח.) אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אוֹיפְגֶעוֶוען שָׁבוּעוֹת אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים - פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זֵיי מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹות; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

מִיר בְּלַייבְּן אוֹיךְ אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צוּ זָאגְן דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת; מֶען זָאגְט דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֶדְרָה פוּן חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תּוֹרָה, נָאכְדֶעם זָאגְט

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מוּז מֶען סֶערְווִירְן דִי פְלֵייש טֶעלֶער פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה אִיבֶּער אַן עִנְיָן פוּן מְסוֹרָה, פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן בַּיי מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז נָאךְ דִי זוּפּ בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אַ גַאנְצֶע טֶעלֶער פְלֵייש אוּן קוּגְל, אוּן צוּמָאל אוֹיךְ פֶערְפְל. יֶעצְט וֶוען אִיךְ הוֹיבּ אָן מַאכְן אַלֵיין סְעוּדוֹת אִינְדֶערְהֵיים, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס פֶעלְט טַאקֶע אוֹיס, וַוייל מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעווֶענְלִיךְ גֶענְצְלִיךְ זַאט נָאךְ דִי זוּפּ, אוּן עֶס קֶען אֲפִילוּ זַיין בַּל תַּשְׁחִית פַאר דִי עֶסְן, אָדֶער אִיז דָאס אַזוֹי דִי מְסוֹרָה פוּן דִי שַׁבָּת סְעוּדָה אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט טוּישְׁן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. מַאֲכָלֵי שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אַז מַאֲכָלֵי שַׁבָּת הֵיילְט. צַדִיקִים טַייטְשְׁן (זֶע סֵפֶר קְהִלַּת מֹשֶׁה, אַ זוּן פוּן הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן קָאזְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פַּרְשַׁת מִקֵּץ, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל א"י אַתָּה תִּהְיֶ' עַל בֵּיתִי) דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קט:): "כָּל הָאוֹכְלִין אוֹכֵל אָדָם לִרְפוּאָה", אַלֶע עֶסְן מֶעג מֶען שַׁבָּת עֶסְן אֲפִילוּ עֶס הֵיילְט, טַייטְשְׁט עֶר, אַז אַלֶע עֶסְן וָואס מֶען עֶסְט שַׁבָּת - הֵיילְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כֻּלָּהּ רוּחָנִיּוּת, כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ", שַׁבָּת'דִיגֶע עֶסְן אִיז אַ שְׁטִיק הֵיילִיגְקֵייט.

זַיי נִישְׁט מְשַׁנֶּה פוּן דִי סֵדֶר פוּן דִי עֶסְן וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן עֶסְן. עֶס אִיז דָא גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת פַארְוָואס מִיר עֶסְן דִי עֶסְן: פִישׁ, זוּפּ מִיט לָאקְשְׁן, פְלֵייש, קוּגְל אוּן פֶערְפְל. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַ טַעַם, פַארְוָואס עֶסְט מֶען פִישׁ שַׁבָּת בַּיי אַלֶע דְרֵיי סְעוּדוֹת? וַוייל שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן פִישׁ אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע בַּעַל חַי וָואס הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט בַּיים מַבּוּל, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן רֵיין, אוּן נָאךְ אַסַאךְ טַעֲמִים עַל פִּי סוֹד פַארְוָואס מֶען עֶסְט שַׁבָּת - בַּיי דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת - פִישׁ.

אוֹיךְ עֶסְט מֶען זוּפּ מִיט לָאקְשְׁן. עֶס שְׁטֵייט פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (אִמְרֵי פִּנְחָס שַׁעַר הַשַּׁבָּת, אוֹת כט) לָאקְשְׁן וַוייזְט אוֹיף אַחְדוּת, עֶס לִיגְט אֵיינְס אִין צְוֵוייטְן; אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן וֶוערְן אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן שָׁלוֹם.

פְלֵייש. שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מֶען זָאל עֶסְן (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רנ, סָעִיף ב): "יַרְבֶּה בְּבָשָׂר וְיַיִן וּמִגְדָּנוֹת כְּפִי יְכָלְתּוֹ", מֶען זָאל פַארְמֶערְן מִיט פְלֵייש אוּן וַויין אוּן גוּטֶע עֶסְן. אִין רַמְבַּ"ם שְׁטֵייט (פֶּרֶק ל' מֵהִלְכוֹת שַׁבָּת, הֲלָכָה י): "אֲכִילַת בָּשָׂר וּשְׁתִיַּת יַיִן בְּשַׁבָּת עֹנֶג הוּא לוֹ".

אוֹיךְ קוּגְל וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין רַמָ"א (סִימָן רמב, סָעִיף א): "יֵשׁ שֶׁכָּתְבוּ שֶׁבְּמִקְצָת מְקוֹמוֹת נָהֲגוּ לֶאֱכֹל מְלִיתָא, שֶׁקּוֹרִין פַּשְׁטִיד"א, בְּלֵיל שַׁבָּת, זֵכֶר לַמָּן שֶׁהָיָה מְכֻסֶּה לְמַעְלָה וּלְמַטָּה", מֶען פִירְט זִיךְ צוּ עֶסְן קוּגְל, אַ זֵכֶר צוּ דִי מָן וָואס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעדֶעקְט פוּן אוֹיבְן אוּן פוּן אוּנְטְן, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם, סָעִיף קָטָן ח): "וּבִמְקוֹמוֹתֵינוּ הַמִּנְהָג לְאָכְלָן", אוּן אַזוֹי פִירְן מִיר זִיךְ.

פֶערְפְל עֶסְן מִיר. עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס פוּן קָארִיץ (אִמְרֵי פִּנְחָס שָׁם, אוֹת ל) בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר עֶסְן פֶערְפְל, דָאס קוּמְט אוּנְז דֶערְמַאנֶען וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, 'פֶערְפְל' אִיז 'פַארְפַאלְן', אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן פַארְפַאלְן.

זַיי נִישְׁט מְשַׁנֶּה פוּן דַיין טַאטֶע'ס וֶועג, עֶס פִישׁ, זוּפּ, פְלֵייש, קוּגְל אוּן פֶערְפְל. עֶס נִישְׁט קַיין סַאךְ אָנְהוֹיבּ סְעוּדָה, וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶסְן אַלֶע הֵיילִיגֶע עֶסְן, וַוייל מַאֲכָלֵי שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים (בְּנֵי יִשָּׂשכָר מַאַמְרֵי הַשַּׁבָּתוֹת מַאֲמָר א, אוֹת יב): "וְרָאִיתִי לְאַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה שֶׁהָיוּ נִזְהָרִים מִלִּיתֵּן מִמַּאֲכָלֵי שַׁבָּת לְגוֹיִם", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן אַז זֵיי הָאבְּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֶעבְּן פוּן דִי שַׁבָּת עֶסְן פַאר גוֹיִם, וַוייל דָאס אִיז סַם חַיִּים לְיִשְׂרָאֵל, עֶס הֵיילְט אוֹיס אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן פַארְקֶערְט ... עַיֵּין שָׁם.

דֶער עִיקָר זָאל דִי סְעוּדָה זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע צַייט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וּלְבִלְתִּי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

מֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְווֹת. דָאס אִיז דֶער עִיקָר תִּיקוּן, דִי אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע פְּסוּקִים דָאס הָאט מֶען צוּגֶעלֵייגְט, אָבֶּער דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק; אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן וֵייסְן נִישְׁט דֶערְפוּן, דֶערְפַאר גֵייט מֶען שְׁלָאפְן וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ זָאגְן דֶעם גְרוֹיסְן תִּיקוּן.

## נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט קֵיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים; שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיינַאכְט, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט; מֶען קֶען פּוֹעֶלְ'ן אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת; דִי אַלֶע וָואס בְּלַייבְּן אוֹיף סְתַם צוּ רֵייכֶערְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן אַז זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן. אָדֶער לֶערְנְט מֶען אָדֶער אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן זַיין דָבוּק אִין אִים.

## מִקְוֶה פַארְ'ן עֲלוֹת

פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נו): "הַמִּקְוֶה שֶׁל שָׁבוּעוֹת הִיא מִקְוֶה שֶׁל שַׁעַר נ', שֶׁהוּא שַׁעַר הָעֶלְיוֹן מֵחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי בִּינָה, שֶׁהוּא שֵׂכֶל וְדַעַת עֶלְיוֹן, חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים", וֶוען מֶען טוּבְלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר אִיז מֶען זוֹכֶה מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר, נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶעם 'תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת' זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה זִיךְ טוּבְלְ'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס מֵיינְט 'שַׁעַר הַחֲמִישִׁים' אוּן דוּ וֵייסְט גָארְנִישְׁט וְכוּ'. דֶער תִּיקוּן גֶעשֶׁעט פוּן זִיךְ אַלֵיין, צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט יָא צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דוּ גֵיי אִין מִקְוֶה 'עַל דַּעַת כָּל הַצַּדִּיקִים, וְעַל דַּעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב וְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים'.

## שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ טַאנְצְן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב; פְרֵיי דִיר שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ פְּלִיאָה) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה' אֱלֹהֶיךָ", הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" אַלֶע פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער קֶשֶׁר אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין קַשְׁיָא; וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!" בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גּוֹי"; אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז מֶען אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ, "אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס דוּ ווִילְסְט נָאר זָאגְן אוֹיף מִיר קֶענְסְטוּ זָאגְן, אָבֶּער אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בַּמִּדְבָּר תשע"ח)

---

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# מען גייט מקבל זיין די תורה פונדאסניי

עס קומט דער הייליגער יום טוב שבועות, אידישע קינדער זענען זייער פרייליך מקבל צו זיין די תורה פון פריש, זיך באנייען מיט די הייליגע תורה, צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, און מקיים צו זיין אלעס וואס דער אייבערשטער הייסט אונז אין די הייליגע תורה.

א ספעציעלער שמחה איז ביי ברסלב'ע חסידים, וואס נעמען אן די עצות פון הייליגן רבי'ן און לעבן מיט דעם, וואס זיי האבן א וועג ווי אזוי צו לערנען די הייליגע תורה יעדן טאג. דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן, סימן ע"ו) אז מ'קען לערנען תורה בלויז מיט'ן זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו מ'פארשטייט נישט וואס מ'זאגט און אפילו מ'געדענקט נישט וואס מ'האט געלערנט.

ווען א מענטש מיינט אז ער קען נאר לערנען תורה אויב ער האט געהעריגע שיעור, א געהעריגע חברותא, ער פארשטייט קלאר יעדע זאך, דאן איז נישט מעגליך ער זאל קענען לערנען יעדן טאג פון יאר, ווייל ס'מאכט זיך כסדר צייטן וואס מ'קען נישט לערנען געהעריג, און אויב מ'איז אנגעוויזן אויף אזויפיל זאכן כדי צו קענען לערנען, גייט דורך א גרויס חלק פון יאר וואס מ'לערנט נישט.

אויך זענען דא מענטשן וואס פאר זיי איז בכלל שווער צו לערנען, זיי האבן נישט קיין גוטע קאפ און פארשטייען נישט קיין לערנען, אדער זענען זיי פאריאגט מיט די שווערע ארבעט צו ברענגען פרנסה, און קענען זיך נישט צוזאמנעמען צו לערנען אביסל תורה, און דערנאך זענען דא געוויסע וואס האבן יא צייט, יא א גוטע קאפ, אבער למעשה ווען זיי קוקן זיך ארום זעען זיי אז ס'גייט זיי דורך טעג וואכן און חדשים וואס זיי עפענען נישט קיין אידיש ספר.

אבער מיט'ן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען תורה, מ'נעמט א משניות און מ'הויבט אן זאגן די ווערטער, יעדער איינער לויט וויפיל ער קען, און דאס קען מען טון צו יעדע צייט אונטער סיי וועלכע אומשטענדען, און דאס ברענגט אריין אינעם מענטש א געוואלדיגע גלוסטעניש צו ווען לערנען נאך און נאך תורה.

און די זעלבע זאך איז מיט גמרא, שלחן ערוך, תהלים, חומש רש"י, און אלע חלקים פון די הייליגע תורה, יעדער לויט זיין געשמאק און געפיל, קען יעדער איינציגסטער איד זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה יעדן איינציגסטן טאג פון זיין לעבן.

ספעציעל די הלכה פון מעביר סדרה זיין, וואס מוהרא"ש האט אונז ארייגעבאקן אין אונז איינמאל און נאכאמאל איבער די וויכטיגקייט פון מעביר סדרה זיין יעדע וואך, מוהרא"ש זאגט אז א וואך וואס מען איז נישט מעביר סדרה וועט מען האבן יענע וואך עפעס א שאדן, אבער ליידער זענען דא פילע אידן וואס זענען נישט מעביר סדרה יעדע וואך, נישט יעדער האט די צייט און מעגליכקייט צו קענען מעביר סדרה זיין אום פרייטאג נאכמיטאג אזוי ווי דער אר"י הקדוש זאגט, און דעריבער איז מען בכלל נישט מעביר סדרה, דעריבער האט מוהרא"ש כסדר גע'חזר'ט אז מיר זאלן שוין אנהויבן פון זונטאג מעביר סדרה זיין, אזוי ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך, זונטאג איז מען מעביר סדרה ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, און אזוי ווייטער ביז מען איז זוכה צו ענדיגן די גאנצע פרשה ביז סוף וואך.

דערפאר איז יעצט גאר גרויס די שמחה אז מיר זענען זוכה פון פריש מקבל צו זיין די הייליגע תורה, און מיר נעמען זיך אלע פאר אז פון יעצט און ווייטער וועלן מיר יעדן טאג לערנען תורה, וואס דאס איז די שפייז פאר די נשמה, אזוי ווי ווען א מענטש עסט נישט שפירט ער נישט גוט, ער קען נישט טראכטן גראד, די זעלבע איז ווען די נשמה עסט נישט, מ'לערנט נישט קיין תורה, ווערט דער מענטש צערודערט, ער ווייסט נישט וואס פעלט אים, ער ווייסט נישט וואס נאגט אים, ער איז דעפרעסט און צעבראכן, און גארנישט מאכט אים פרייליך, ווען מ'איז אבער זוכה צו לערנען די הייליגע תורה, ווערט דער מענטש א פרייליכער געשמאקער צופרידענער מענטש, די תורה באגלייט אים אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דער ראש ישיבה שליט"א וועט אי"ה זיין אין קרית ברסלב ליבערטי אויף שבועות, די פילע חשובע איינוואוינער פון שטעטל זענען מקבל פנים די פילע געסט וואס קומען צו פארן אויף יום טוב.

**מתוקים מדבש ונופת צופים!**

---


## סימן טוב ומזל טוב

החתן **בנציון** ב"ר **ישראל חיים ברוין** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **יצחק אייזיק אפפעל** הי"ו

***

מו"ה **סענדי ראטה** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## מגילת רות

מגילת רות הערליך און געשמאק
פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א,
ווי אויך גאנץ נ"ך הערליך פארגעלערנט
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 3, 3, 20**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
אין מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >